יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין אַמעריקע און אין העברעאישע זשורנאַלן אין אייראָפּע.

ע.'ס ראָמאַן „אויפברויז" (פּ'ג „וואַנדערער", וואַרשע, 1923) איז דראַמאַטיזירט געוואָרן און איז אין 25-1926 אויפגעפירט געוואָרן א'ג „מישקע יאַפּאָנטשיק" אין אַ קיעווער סטודיאָ-טעאַטער. אין 1928 האָט ע אַליין דראַמאַטיזירט זיין ראָמאַן א'ג „מישקע יאַפּאַנעץ", וואָס איז נאָך נישט געשפּילט געוואָרן.

אין „האַמער" (יאַנואַר 1928) האָט ע. פאַרעפנטלעכט זיין „גע-ראַנגעל, אַ שפּיל אין ניין בילדער און דריי אַקטן". די פּיעסע איז דעם 12 אָקט. 1929 אויפגעפירט געוואָרן [אין זיבן בילדער] דורך דער „ווילנער טרופּע" אין ניו-יאָרק, אין אינטימייד-טעאַטער, א'ר פון יעקב מעסטעל און יעקב בן-עמי, דעק. — זאַלאַטאַראָוו, מוזיק — א. עלשטיין.

18-1917 — האָט ע. געשריבן אונטער אַ פּסעוודאָנים טעאַטער-רעצענזיעס אין „דאָס נייע לעבן" און אין „קאָמוניסטישע שטים" אין אָדעס.

29-1928 — האָט ער א'פּ „עין-בית" געשריבן וועכנטלעכע טע-אַטער-רעצענזיעס אין דער פילאַדעלפיער אויסגאַבע פון „מאָרגן-זשורנאַל".

ש. ע.

ז. רייזען — לעקס. ייד. ליט.', II, זז. 783-793.

א גלאַנץ — די אויפפיהרונג אינ'ם נייעם אינטימען טעאַטער פון דער „ווילנער טרופּע", „טאָג", נ. י., 19 אָקט. 1928.

דר. א מוקדוני — „געראַנגעל", „מאָ'ש", נ. י., 19 אָקט. 1928.

ל. פאָגעלמאַן — „געראַנגעל" — אַ נייע דראַמע אין „אינטימען טעאַ-טער", „פאָרוו.", נ. י., 26 אָקט. 1928.

## עפּעלבוים, ב. (מנחם-בעריש)



געבוירן 25 סעפּטעמבער 1887 אין וואוי-קין, נעבן ראַדזין, לובלינער געגנט, פּוילן, וואו זיין פאָטער, אַ קאָצקער חסיד, איז געווען שוחט. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג. פון 5 ביז 15 יאָר געלערנט גמרא, אויך אונטער דער השגחה פון פאָ-טער, וועלכער נעמט אים לערנען שחיטה — אָבער אונטער דער השפּעה פון רמבמס ספרים ווערט ער נתפּקר און קערט זיך אָפּ פון דער חסידישער פרומקייט.

פון קינדוויז אָן ליב געהאַט צו לייענען מעשה-ביכלעך, איז ער שפּעטער אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ווירקונג פון שמ'רס ראָמאַנען, האָט אַפילו אַליין גענומען שרייבן אַזאַ ראָמאַן און אויך אָנגעשריבן אַ פּלפּול-ספר אויף „קדושין".

צו 18 יאָר פאַרלאָזט דאָס שטעטל און אַוועק קיין וואַרשע, וואו ער האָט אונטער די שווערסטע מאַטעריעלע אומשטענדן גע-לערנט אַביסל רוסיש און פּויליש, און דערנאָך אין לאָדזש (אויך אין וואַרשע) זיך גענומען צו פאַרשיידענע אַרבעטן.

1912 — דעביוטירט מיט אַ דערציילונג א'ט „צוויי דורות" אין „לאָדזשער טאַגעבלאַט" א'ר פון י. אונגער. דערנאָך — לעבנדיק אין אַ פּראָווינץ-שטאָט — אָנגעהויבן שרייבן חסידישע מעשות און פאָלקסטימלעכע דערציילונגען, וועלכע זיינען פאַרעפנטלעכט גע-וואָרן אין דער יידישער פּרעסע אין פּוילן און רוסלאַנד.

נאָכן אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה זיך באַזעצט אין אָדעס, וואו ער אַרבעט מיט אין די ז'אָרטיקע יידישע צייטונגען. אַרום 1920 — צוריקגעקומען אין וואַרשע, וואו ער אַרבעט אין פאַר-שיידענע צייטונגען, הויפּטזעכלעך אָבער אַלס איבערזעצער אין פּ'ג „צענטראַל". סוף 1922 — אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער האָט די ערשטע צייט געאַרבעט אין „יידישעס טאַגעבלאַט", דערנאָך אַריבער אין „מאָרגן-זשורנאַל", וואו ער איז מיטאַרבעטער ביז איצט. גלייכצייטיק האָט אויך ע. זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע